**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 5 מיליאן דאלאר דא צו פארטיילט ווערן פאר קוואליפיצירטע ניו יארק סטעיט גאן פארברעכן פארמיידונג פראגראמען צו שטיצן קאמיוניטי-אנגעפירטע, יונגווארג-באזירטע פראגראמען**

***פינאנצירונג צו שטיצן קאמיוניטי-אנגעפירטע יונגווארג-באזירטע פראגראמען פאר צוויי יאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט – אין צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס – וועט צושטעלן 5 מיליאן דאלאר אין ניו יארק סטעיט פינאנצירונג פאר א קוואליפיצירטע ארגאניזאציע צו שטיצן בירגערליכע, קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן אויף און האלטן אויף פראגראמען פאר יונגווארג אין געגנטער מיט די העכסטע ראטעס פון גאן פארברעכן. פאראינטערעסירטע ארגאניזאציעס זאלן אויספילן די איינלאדענונג פאר אפליקאציעס [דא](). די טערמין צו אפלייען פאר די פינאנצירונג, וואס וועט פארטיילט ווערן אויסגעשפרייט איבער א תקופה פון צוויי יאר, איז נאוועמבער 8, 2023.

"צופיל לעבנס זענען פארלוירן געווארן צוליב זינלאזע גאן פארברעכן, אבער אין ניו יארק ארבעטן מיר צו זיכער מאכן אז דאס קומט צו אן ענדע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג וועט העלפן קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו שטיצן וואקלדיגע יונגווארג אין זייערע געגנטער כדי זיי צו האלטן אראפ פון די געסער און אוועק פון גאנס. מיין אדמיניסטראציע איז פארפליכטעט צו מאכן אונזער סטעיט זיכערער און צו זיכער מאכן אז אונזער יונגווארג האט א ליכטיגע צוקונפט אנגעפילט מיט געלעגנהייט אנשטאט געוואלדטאטן."

די העלט דעפּארטמענט'ס אפיס פון גאן פארברעכן פארמיידונג ( Office of Gun Violence Prevention, OGVP) – א חלק פון די אפיס פון געזונטהייט גערעכטיגקייט און מענטשן רעכטן ( Office of Health Equity and Human Rights, OHEHR) – גייען אריין אין א שותפות מיט די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) צו גיבן 2.5 מיליאן דאלאר יערליך במשך צוויי יאר פאר איין ארגאניזאציע וואס וועט דינען אלס די פינאנציעלע, קאנטראקט און פראיעקט מענעדזשער צו ווייטער פארטיילן די אינוועסטירונג פאר קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס.

**ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "אזוי ווי גאן פארברעכן זעצט פאר צו אוועקנעמען לעבנס און צורייסן קאמיוניטיס, בלייבן מיר פארפליכטעט צו אדרעסירן די פראבלעמען ביים שורש פון גאן פארברעכן, און מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פארגעזעצטע שטיצע און פירערשאפט ביים באקעמפן די פובליק געזונטהייט קריזיס. מיר זענען אויך שטאלץ צו אריינגיין אין א שותפות מיט די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס צו אפפערן די פינאנצירונג געלעגנהייט אלס טייל פון א נייע, ארומנעמיגע סטראטעגיע צו אויפבויען א זיכערע ניו יארק."

**דיווידע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער ראָוזאנא ראָסאַדאָו האט געזאגט,** "פאר צופיל ניו יארקער, באזונדערס צענערלינגען און יונגע ערוואקסענע, איז גאן פארברעכן א טעגליכע מציאות. כאטש אונזער לאקאלע געזעץ אינפארסירונג און קאמיוניטי שותפים האבן געמאכט באדייטנדע פארשריט אין דעם קאמף, דארפן מיר טוהן מער צו שטיצן פראגראמען און סערוויסעס וועלכע גיבן פאר יונגע מענטשן געלעגנהייטן צו לערנען, וואקסן און בליהען. איך קוק ארויס צו ארבעטן בשותפות מיט די העלט דעפארטמענט דאס צו מאכן געשעהן."

קאמיוניטי יונגווארג פראגראמען וועלן ערלויבן יונגווארג אין די יארגאנג פון 12 ביז 24 צו באקומען פארשידענע סערוויסעס, אריינרעכנענדיג טעראפיסטישע שטיצע, ווי גייסטישע געזונטהייט און אויפפירונג קאונסעלינג פערזענליך און אין גרופעס; אין צוגאב וועלן יונגע מענטשן האבן די געלעגנהייט זיך צו באטייליגן אין וויסנשאפט, טעכנאלאגיע, אינדזשענירונג, קונסט און מאטעמאטיק ( science, technology, engineering, arts and mathematics, STEAM) אקטיוויטעטן און אזוי אויך פארוויילונג און ספארטס.

נאך די סופרים געריכט האט ארויסגעגעבן איר אורטייל אין יוני 23, 2023, אין דעם *Bruen* פאל, האט גאווערנער האקול צוזאמגערופן א ספעציעלע סעסיע פון די לעגיסלאטור צו ארבעטן אויף א געזעץ צו פארשטערקערן ניו יארק'ס גאן פערמיט פראצעדור, ווערנדיג א נאציאנאלע מוסטער פאר גאן זיכערהייט און פירנדיג דעם קאמף קעגן גאן פארברעכן. די נייע געזעצן רעכענען אריין פאדערונגען פאר ברייטע הונטערגרונט אונטערזוכונגען און טרענירונג פאר וואפן זיכערהייט און לעבעדיגע געווער פאר מענטשן וועלכע זוכן זיך צו פארשאפן פערמיטס צו טראגן א גאן באהאלטענערהייט ('קאנסיעלד קערי'). זיי פארבאטן אויך מענטשן וואס האבן א 'קאנסיעלד קערי' פערמיט פון ברענגען זייערע וואפנס צו סענסיטיווע פלעצער ווי צום ביישפיל סקולס, רעגירונג געביידעס און שפיטעלער, צווישן אנדערע און אזוי אויך פאדערן זיי די באנייאונג און ווידער-באשטעטיגונג פון פערמיטס יעדע דריי יאר. ניו יארק סטעיט איז אויך ארויסגעקומען מיט א גאן זיכערהייט וועבזייטל צו גיבן פאר די פובליק, גאן אייגנטימער און גאן הענדלער אלע אינפארמאציע איבער די נייע פאדערונגען אונטער סטעיט געזעץ.

לעצטע יאר האט גאווערנער האקול אויך אנאנסירט 30 מיליאן דאלאר צו שטיצן ניו יארק סיטי'ס קאמף קעגן גאן פארברעכן, אריינרעכענענדיג 6 מיליאן דאלאר פאר די 'בלופרינט פאר קאמיוניטי זיכערהייט' פון די ניו יארק סיטי גאן פארברעכן פארמיידונג איינהייט. דאס בויט ארויף אויף אנגייענדע באמיאונגען צו רעדוצירן גאן פארברעכן אין ניו יארק, טייל פון א סך הכל פון 337 מיליאן דאלאר צוגעטיילט אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 צו שטיצן אן ארומנעמיגע, פילפאכיגע פלאן צו ציהלן גאן פארברעכן און ווילדע פארברעכן, וואס רעכנט אריין באדייטנדע אינוועסטירונג סיי אין רעוואלווער-פארמישטע געוואלדטאטן עלימינאציע (Gun Involved Violence Elimination, GIVE) פראגראמען און סיי SNUG גאסן 'קירוב' פראגראמען, וועלכע ווערן אויפגעהאלטן אין 14 קאמיוניטיס אריבער די סטעיט.

די העלט דעפארטמענט'ס OGVP אינוועסטירונג פון 5 מיליאן דאלאר וועט שטיצן פילע פון די DCJS רעוואלווער-פארמישטע געוואלדטאטן עלימינאציע יוריסדיקציעס. GIVE איז א וויכטיגע עלעמענט פון ניו יארק סטעיט'ס שיסעריי מארד פארמינערונג סטראטעגיע, און עס שטעלט צו נאך מיטלען אין קאמיוניטיס מיט די העכסטע ראטעס פון גאן פארברעכן. די קאונטיס זענען היסטאריש פאראנטווארטליך פאר מער פון 80 פראצענט פון ווילדע פארברעכנס וועלכע קומען פאר אין ניו יארק סטעיט אינדרויסן פון ניו יארק סיטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן